מיט ערד און אויפצושטעלן א מצבה, און יעצט טרעט עד צו ארומצוזימען דעם קבר האחים. מיר וועלן איהם מיטהעלפען אין דער אויפגאבע און מיר שיקען איהם א הערצליכען יישר כח. חזק ואמץ ישראל מאנדעל, שמחה בערשטלמאכער׳ס זוהן".

נ.ב.

די פינף משפחות אין קרעמעניץ זענען: 1) ישראל מאנדעל, 2) מענדל סענדארוויטש, 3) פרוי ד"ר לערער, 4) כץ , 5) כץ . די לעצטע צווי, קצבים, זענען נח קצבים זיהן.

י. רוכל

* * *

נטע שטרן ז"ל

ווערטער פון הספד וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין טאג פון שלושים נאך נטע (נתן) שטערן׳ס טויט אין זאל פון לשכת המס אין חיפה - זיין ארבעטס-פלאץ.

מיר האבן זיך היינט דא צוזאמענגעקומען כדי זיך מתיחד זיין מיטן זכר פון אונזער חבר, נטע שטערן. מיר זיינען דא מספיד איהם אלס א מאן, פאטער, ברודער, קרוב און לאנדסמאן. אבער וואס טוט מען ווען עס לעגט זיך נישט אויף דעם געדאנק? וואס טוט מען אז די ווערטער "הספד" און געוויין פאסן זיך אזוי נים צו נטען?

האט זעה איך איהם יעצט פאר מיינע אויגן, פונקט ווי איהר אלא דא. אויף זיין פנים איז אויסגעגאסן דער שטענדיקער גוטמוטיקער שמייכל זיינער, די אייביג יוגענטליכע תמימות.

אין אונזער מאטעריעלער ארימקייט, א באהערשטע דורך ציניזם און חיי-שעה, געפונען זיך אזעלכע נטעס, ווי א שכור צווישן ניכטערע, א נאיווער ראמאנטיקער צווישן אויסגעקליגלטע, טרוקענע מאטעריאליסטן. אבער אט די ארמאנטיקער פארטרייבן אפטמאל דעם אומעט, וואס ארום אונז, באלייכטן די גרויקייט.

נטע איז ארומגענומען געווען מיט א שבחדיקער נשמה-יתרה אטמאספער, וואס האט אוועקגעיאגט פון זיך די וואכעדיגקייט און אנגעשטעקט מיט זיך אלעמען.

דארום איז אזוי שווער צונויפצופארן נטע׳ן מיט דעם שטילשווייגענדן טויט. דארום איז אזוי אונגעהויער גרויס געווען די ערשטוינונג ביי אלעמען. און אזוי פלוצלינג, אזוי אונערוואַרטעט איז אלעס געשעהן, דאס עס האט זיך נים געגלויבט. אבער די ווירקליכקייט איז אונרחמנותדיג. און מיר שטעהען דא אונבאהאלפן פארן טרויעריגן פאקט. נטע איז שוין ניטא צווישן אונז. די שווערע ערד האט איהם אויף אייביג צוגעדעקט.

און מיט נטען איז פון אונז אוועק איינער פון די לעצטע מוהיקאנער פון צווישן די לעבנגעבליבענע קרעמעניצער, וועלכע טראגן אין זייעדער הערצער דאס געשטאלט פון אונזער שטאט, און וועמענס וועזן אליין שטעלט מיט זיך פאר א לעבעדיקע מצבה פאר אונזערע קדושים. נטע איז ענג פארבונדן געווען מיט אלע קרייזן פון דער אידישער באפעלקערונג אין שטאט. צו אים האבן זיך די בני עמך געצויגען אלס גוטן פריינד. אים האבן זיי זייערע צרות פארטרויט. און ער האט זיי בעוועטיגט צוזאמען מיט זיי. אט די סגולה זיינע האט ער בעהאט צו פארדאנקען אין א גרויסער מאס, דער אויפגאבע זיינער אין גמילות חסדים קאסע, ווי אויך זיין פאטער, מענדל שטערן און שווער, לייבקי ראזנטאל ז"ל.

מענדל שטערן א יונגער-מאן, א מטופל מיט קליינע קינדער, וואס האט געשלעפט דעם שווערן עול פון פרנסה האט דאס געפונען צייט און ענערגיע זיך מיט לייב און לעבן אפגעבן לצרכי צבור.

איך געדענק א ווינטער טאג, ווי דאס וואלט היינט געווען, מענדל איז אנגעטוהן אין א גרויסן זעלנערישען שינעל, וועלכער האט נאך בעטראגן אויף זיך דעם לייס פון די אקאפען. ער האט זיך אקארשט אומגעקערט פון פראנט, ווי ער האט מלחמה געהאלטן געגען די דייטשען. אין דער האנט טראגט ער די אנגעשפיזטע ביקס, וואס ער האט מיט זיך מיטגעבראכט. און אויף זיין ברייטער ברוסט קרייצן זיך צווי קוילן בארטלען. מענדל איז געווען פון די ערשטע וועלכע האבן זיך מאביליזירט אין די רייהען פון זעלבסטשוץ וואס איז געגרינדעט געווארן אין קרעמעניץ ווינטער 1918. דא שפאנט ער אויף דער וואך, א בלייכער, ווי א סאסנע, שטאלץ און זיכער. און די הערצער פון די אידישע דורכגעהער האט זיין אויסזעהן ארויסגערופן א געפיל פון זיכערקייט, ווי ער וואלט געזאגט: "גיסא מער הפקר זיין".

נטע איז אוועק אין די וועגן פון זיין פאטער, מיט התלהבות און דביקות האט ער זיך איבערגעגעבן זיין ארבעט, וואס האט דורכאויס געטראגן א געזעלשאפטליכן כאראקטער. אט די ארבייט זיינע איז ניט נאר געווען א קוול פון פרנסה. דאס איז געווען אויך א בארוף. און מיט זיין ווארימקייט און הילף פון לאנגיעריגע פארוואלטונגס מיטגלידער פון גמילות חסדים קאסע, דוד גאלדענבערג, משה בערשטיין ז"ל, איז אים געלונגען צו פארוואנדלן דאס פלאץ אין א ווארימער נעסט. דא פלעגן הארעפאשנע אידן, וואס האבן בזיעת אפס געצויגן חיונה פאר זייעדער וייב און קינדער – טרעפן א אויסגעשטרעקטע ווארימע האנט. אט דא אין דער היימישער, געמיטליכער אטמאספער איז געלונגען נטען צו קומען אין אן אוממיטעלבארן קאנטאקט מיט די פשוטע אידן און נאשן פון זייערע אייבענהארטיגע געדאנקען און אויסדרוקען. אוצרות פון פאלקלאר האט ער דארט ביי זיי געשעפט.

נטע איז אויך געווען פון די גרינדער פון וואכענבלאט – "קרעמעניצער שטימע" – וועלכער איז מיט דער צייט געווארן איין ארגאנישער טייל פון דער קרעמעניצער געזעלשאפטליכקייט. די ארבייט זיינע דארט, וואו פון אלע משתתפים, איז נטען געגעבן געווארן די געלעגענהייט מיט זיינע אנגעזאמלטע אוצרות זיך באנוצן.

איך מיט ישראל אטיקער האבן געהאט דעם זכות צוזאמען מיט נטען די צייטונג רעדאגירן און "כבקרת רועה עדרו, מעביר צאנו תחת שבטו" ווי א פאסטוך וואס פיהרט דורך זיינע שאף פאר זיינע אויגן, אזוי פלעגט ער מיט אונז דורכפירן וואך איין וואך אויס, די עסקנים פון שטאט, די נגידים און אביונים, די סוחרים און הארעפאשניקעס אונטער דער ריט פון זיין קריטיק. ניט געווען קיין איינציגער מאן אין שטאט, אפילו אין די פארווארפענסטע געסלאך, וועמען נטע זאל ניט האבן געקענט אויסגעבינדן, דער עיקר, פון דער הומאריסטישער זייט זיינער. און אזוי ארום, מיט זיין הילף און השראה האט זיך בא אונז געשאפן מאטעריאל פאר פעליעטאנען. און פאר בילדלאך פון לעבן און קרעמעניץ מיט וועלכע אונזער צייטונג האט זיך אויסגעצייכנט.

אלס א וויכטיגער שריט צום פארטיפן און באדייכערן זיין פאלקסטימליכקייט, זע איך דעם שדוך זיינעם מיט איטקען וועלכע האט אים געבראכט צו פארבינדונג מיט לייבקע ראזענטאל, וועלכען מען באצייכנט מיט רעכט אלס קרעמעניצער יאנוש קורצ׳אק, דעם פאטער פון יתומים דארט, דעם גרינדער פון "קרעמעניצער שטימע" און זיין ערשטער רעדאקטאר. קיינער אין קרעמעניץ איז נישט געווען אזוי שטארק, אזוי ענג געקניפט און געבונדען מיט די פאלקס מאסן ווי לייבקע, ער האט מיט זיך פארגעשטעלט א מין פארקלענערטע מאדעל פון דער שטאט, און ער האט, טראץ זיין שטילער צניעותדיקער אויסערליכקייט מער פון אלעמען איבערגעלעבט די געשעהנישן דארט אין די צייטן פון שטורם און פון רוה. וויפיל ארטיקלען, פעליעטאנען און רעפארטאזשען, דורכגעדרינגענע מיט פאלקלאר און ליבע צו קרעמעניץ פון אמאל און פון זיינערצייט, האט ער פארעפנטליכט אין קרעמעניצער שטימע און אין אנדערע צייטונגען פון רוסלאנד און פוילן. זיין נקיות-כפיים-דיגע עסקנות איז געווען פיעלזייטיג און זיין הויז האט געדינט אלס א בית ועד פאר די היגע טוהער פון אלע פארטייען, שאטירונגען און עלטער. אט אין דעם הויז האט נטע זיינע ווארצלען געשלאגן וועלכע האבן אזעלכע רייכע פרוכטן געבראכט.

זייענדיק ווייט פון אונז געאגראפיש - נאך אין פוילן - איז נטע געווען נאנט אין זיין הארצן צו אונז. און פון דארט האט ער געפאדערט שטיצע פאר נויטבאדארפיגע קרעמעניצער. אויך דא אין לאנד, זייענדיג אליין נאך ארייננגעטוהן אין די חבלי-קליטה פון א נייעם עולה, האט ער ניט אויפגעהערט זיך צו באמיהען ארויסקריגן הילף פאר דעם אדער יענעם לאנדסמאן. און געטוהן האט ער דאס מיט צארטקייט און טאקט ווי אלע מאל. דער קוואל פון זיין הומאר האט אנגעהאלטן ביזן סוף זיינעם. אבער דער צער פון חורבן האט שטארק באהערשט זיין גאנץ וועזן און האט אפטמאל פארוואלקנט זיין גרונטליכע אייגענשאפט -דעם הומאר.

זאלן אונז אלעמען אלס טרייסט דינען זיין רייכע ירושה וואס באשטייט אין זיינע זין וועלכע זיינען די פרוכטן פון זיינע מיט איטקען ערציהונג, די ברידער זיינע מיט זייערע משפחות, וואס זענען אויף אזא וואונדערליכן אופן צוגעבונדן איינער צום צווייטן, און וועלכע האבן נטע׳ן אזוי ליעב געהאט, די ליבע צו אים און שעצונג פון אלע לעבען-געבליבענע קרעמעניצער לאנדסלייט איבער דער גארער וועלט. אויף דער מצבה פון נטען, וועלכע יעדער פון אונז טראגט אין זיין הארצן, זאל אויסגעקריצט ווערן אייניגע ווערטער פון די וועלכע זענען אויסגעקריצט אויף דער מצבה פון שלום-עליכם. זיי וועלן זיך פאסן אזוי פיעל צו איהם:

"דא ליגט א איד א פשוטער
געשריבן אידיש-דייטש פאר ווייבער
און פארן פראסטן פאלק איז ער
געווען א הומאריסט א שרייבער
דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט
און דוקא דאמאלס, ווען דער עולם האט
געלאכט, געקאטשעט און פלעג זיך פרעהען,
האט ער געקרענקט - דאס ווייסט נאר גאט,
בסוד, אז קיינער זאל ניט זען.

תהיה נשמתו צרורה אין די הערצער פון אונז אלעמען.

מ. גאלדענבערג

א שטראל אין דער פינסטערניש, אין דעם גרויסער פינסטערניש פון חורבן און אומקום האט זיך וואו ניט וואו באוויזן א שטראל פון ליכט. עס האבן מיט זיך געבראכט מענשן פון א נאבעלן כאראקטער, מערסטענס פשוטע, תמידותדיגע, וועלכע האבן זייער לעבן איינגעשטעלט, כדי צו ראטעווען יידן פון טויט.

אכט יידישע נפשות זענען שולדיג זייער לעבן דער פרוי אלעקסאנדרא טאראסאווא, וואס האט בא זיך אין הויז אויסבאהאלטן זיי 18 חדשים.

טובה טעפער, איינע פון די אכט געראטעוועטע, שילדערט אט דאס דראמאטישע קאפיטעל פון רעטונג אין "פנקס קרעמעניץ" (זייטן 259–263).

ערשט מיט א פאר מאנאט צוריק האט אונז בעלונגען זיך מיט דער פרוי טאראסאווא צו פארבינדן דורך אונזער לאנדסמאן יהושע גאלבערג (תל–אביב), וועלכער האט מיט איר שטודירט אין איין קלאס.

טאראסאווא איז ווערט אז מיר זאלן דא נאכאמאל דערציילן וועגן איהר העלדישען טאט, ווי אויך איבערגעבען דעם אינהאלט פון אירע בריוו.

<u>איינדרוקן פון א געראטעוועטע</u> (אויסצוג פון טובה טעפער׳ס ארטיקל אין "פנקס קרמניץ").

" ... פערצן טויזנד זענען ערמארדערט געווארען און פערצן זענען לעבן געבליבן. איינער פון טויזנד. אכט פון זיי האבן זיך אויסבאהאלטן ביי טאראסאווא: טובה טעפער, אברהם צאצקיס, וואווע לאנדעסבערג (אלע דריי קרעמעניצער), העניק קאט, פנחס צייטאג, מיעטעק אלעראנט, סאפיא קאגארליצקי. די פינף זענען פון אנדערע שטעט בעקומען זיך "מציל זיין" אין קרעמעניץ ....."

"אין הויז פון טאראסאווע האב איך זיך אויסבאהלטן 18 מאנאטן,פון אנהויב אוקטאבער 1942 ביז סוף מערץ 1944, מיט מיר זענען דארט געווען נאך 7 יידן. דאס הויז פון טאראסאווע געפונט זיך אין א גארטן, אביסל אין דער זייט פון שטאט. עס איז ווי פאר דעם ציעל געבוירן געווארן, ווי אויך די אינהאבערן פון אים, אלעקסאנדרא, א גוטמוטיגע פרוי, איין אדאפטירטע טאכטער פון א חשובן רוסישן באאמטן. זי האט געענדיגט דעם פוילישן ליצעאום אין קרעמעניץ, אזן געווען פארמעגליך. צוערשט האט זי אינז אריינגענומען צו זיך פאר א געווויסן אפצאל אבער ווען עס האט זיך בא אונז געענדיגט דאס געלד, האט זי אונז אויסגעהאלטן אן שום אפצאל. איהר לעבן איז געהאנגן אויף א האר יעדע מינוט. די גויים פון די שכנותדיגע הויפן האבן קיין אהנונג ניט געהאט,אז יידן באהאלטן זיך אזוי נאנט פון זיי. אלע אכט האבן די ערשטע טעג געוואוינט אין איין צימער. איגגיכן אבער זענען מיר צוגעטראטן צו גראבן א בונקער. די ארבייט איז געטאן געווארן דורך די נעכט. אין בונקער איז אויך דורכגעפירט געווארן עלעקטרישע ליכט, און ווען עס פלעגן קומען דייטשן אין דער וועטערריי, וואס פון אויבן, פלעגט געגעבן ווערן א סיגנאל דורך דער טאראסאווא צו זיין שטיל .

טראץ דער וואונדערבארער ארגאניזאציע און אויסערגעוויינלעכער פארזיכטיקייט וואס בא אונז האט געהערשט, קען איך ביז יעצט ניט פארשטיין ווי אונז איז געלונגן אויסמיידן א דורכפאל אין משך פון אזא צייט ....."

"דאס רוסישע מיליטער האט פארכאפט די שטאט דעם 23 טן מערץ 1944, אבער מיר האבן אויס מורא און פארזיכטיקייט "פארבראכט" אין בונקער ביז דעם 25 מערץ, און ערשט דאן זענען מיר ארויס, און אוועק באטראכטן די חורבות פון שטאט ...."

"מיר האבן פארגעזעצט צו וואוינען בא טאראסאווען ביז יוני, און דאן זענען מיר אפגעפארן קיין ראוונע.

צום גוטן זכות דערמאן איך אויך די פרוי דעמערט מאריע, די פרוי באלינא טאראצ׳ינסקי מיט איר מאן, וועלכע האבן דער טאראסאווא מיטגעהאלפן.

כ׳ווייס ניט ווי האט זיך צו דער פרוי טאראסאווא גענומען דער כוח און געדולד, די דרייסטקייט, דאס אלעס אויסצוהאלטן און דורכמאכן...."

"אין פארלויף פון דער צייט האבן זיך געשאפן נאנטע באציהונגען צווישן דער פרוי טאראסאווע מיט איינעם פון די אויסבעהאלטענע, פנחס צייטאג פון ווארשע, און באלד נאך דער באפרייהונג האבן זיי חתונה געהאט. די טאראסאווא האט פארקויפט איר הויז פאר א שיבוש און זיי זענען איבערגעפארן אין דער שטאט רייכנבאך (דזיערזשאנאוו אין פוליש) וואס אין שלאנסק. א צייט נאך דעם האבן זיי זיך געגט. צייטאג איז עולה געווען קיין ישראל און פון דארט עמיגרירט קיין איטאליען. די פרוי טאראסאווא פילט אויס דעם אמט פון וויצע סטאראסטע אין איר נייעם וויין פלאץ".

עד כאן די ווערטער פון סובה טעפער.

און דאס איז דער בריוו פון טאראסאווא נאך דעם וואו מיר האבן זיך מיט איר פארבונדן.

"דזיערזשאנאוו, 9.8.1966 .

חשובער הער גאלבערג.

אייער קארטל איז געווען פאר מיר א איינגענומענער סורפריז און כ׳בעט אייך מיר שרייבן ווער נאך פון די קרעמעניצער זענען לעבן געבליבן. איך בין זעהר נייגעריג צו וויסן וואס שטעלט מיט זיך פאר דער בוך "פנקס קרעמעניץ", וועלכן איר דערמאנט און ווער זענען די מחברים פון אים.

גוט איז וואס אין דעם בוך זענען ניט פאראן קיין אילוסטראציעס, אנדערש וואלט איר מיך געזעהן אין א בעשמאלט, וועלכע וואלט אויסגעזעהן גאנץ חייט פון א העלדן. און טאקי ווי וואלט אט די "העלדן" אויסגעזעהן בשעת זי האט יעדען אוונד אויפגענומען אין אירע "צארטע" הענט דעם שפאל מיט די אומריינקייטן פון די באהאלטענע כדי איהם אויסצוגיסן. ווען אזא בילד וואלט אין בוך דערשינען וואלט דאס געווים קיין

גרויסן איינדרוק נים געמאכט. אין דער פערעספעקסיוו פון צייט און פלאץ זעהט אויס מיין "מסירות נפש" זעהר גרויס, אבער אין דער אמתן, איז דאס אין די אומשטענדן פון יענער צייט געווען א גרויע פראזע. גאנץ פשוט, איך האב געהאט דערצו די פאסיגע באדינגונגען. איר ווייסט אז כ'האב אין קרעמעניץ א באזונדער הויז, דערוויסעדט פון צענטר, ארום דעם הויז איז געווען א גארטן, עס האבן זיך נאר באדארפט געפינען די מענשן וועלכע וואלטן געוואלט אויסנוצן די געלעגענהייט זיך צו ראטעווען. אט האב איך פארגעלעגט לידיא בילענקא, מיינע א שול חברטע, זי זאל קומען צו מיר זיך באהאלטן מיט אירע עלטערן, זיי האבן אבער קאטעגאריש זיך ענטזאגט.

מיר האבן געהאלפן אין דער זאך העלא סאראצ'ינסקי, וועלכע האט צו מיר געבראכט עטליכע פערזאן, אויך יאנקא ניימאן און העלא באדאקעוויטש, יעצט די פרוי פון ד"ר לאנדעסבערג. אין משך פון א האלב יאר האט זי געשפייזט די גאנצע גרופע פון די באהאלטענע. א באזונדערע הילף איז מיר געגעבן געווארן דורך מאריסיא, וועלכא האט דאן געארבייט אין דעם קאפע-הויז פון די טערקן. זי האט אויף זיך געשלעפט דעם שווערן עול צוזאמען מיט מיר. איך מיין אז בא אזעלכע באדינגונגען וואלט יעדער איינציגער געקענט זיין א העלד. דערצו דארף מען נאך צוגעבן אז אין פארלויף פון דער גאנצער צייט בין איך געזעסן אהן אניאוינקוכא באשפפיקונג, ווייל כ'האב נים געוואלט מיטארבייטן מיט די דייטשן...."

"איך וואוין מיט מיין טאכטער אין דזירדזשאנאוו שוין צוואנציג יאר.ביידע ארבייטן מיר. די טאכטער מיינע ארבייט פון 15 יאר.מיר לעבן נים אין לוקסוס, און שלאגן זיך דורך וואו ס'איז. מיר האבן געהאט אויך שלעכטע צייטן ווען שפייז איז נים געווען צום זאט און אויך קיין קלייד זיך אנצוטוהן. יעצט איז אונז פיעל לייכטער. עס האט מיר אביסל געהאלפן טובה קאפלאן (טובה טעפער, די אויבנדערמאנטע, וועלכע איז יעצט אין אמעריקא, רעדאקציע). זי שיקט מיר פון צייט צו צייט פעקלאך מיט קליידונג. איך ווייס אז ווען זי וואלט געקאנט וואלט זי געטאן מער. איך וויל זי נים אויסנוצן, באזונדערס ווען כ'האב נים די מעגלעכקייט איהר דערפאר אפדאנקן.

ווי איהר זעהט, בין איך געבליבן דיזעלבע פלאפלערן ווי אין שולע. עס וועט מיר זיין זייער איינגענומען אנהאלטן קאנטאקט מיט אייך און מיט די קרעמעניצער, א קאנטאקט דורך קארעספאנדענץ,ווייל אויף אנאנדער אופן קלעקן נים קיין מיטלען".

און אט איז א אויסצוג פון טאראסאוואס צווייטן בריוו פון דעם 2.12.66 .

"איך דאנק אייך און דעם פאראיין פון קרעמעניצער פאר דער מתנה וועלכע איהר האט מיר געשיקט. אויך דאנק איך פאר דעם קארטל און פארן צוגעזאגטן "פנקס קרעמעניץ", כאטש איך וועל אים נים קענען לייענען. דערפאר אבער וועל איך קענען קוקן אויף די בילדער פון די מענשן או נאטור פון קרעמעניץ. איך בעט אייך זער מיר שרייבן מער וועגן די קרעמעניצער און זייערע נעמען. מיין בילד וועל איך שיקן א צווייט מאל, ווייל איך פאטאגראפיר זיך נאר ווען איך דארף ארויסנעמען א לעגיטימאציע, און דאס געשעט איינמאל אין פינף יאר.

אין וואס באשטייט די טעטיגקייט פון קרעמעניצער פאראיין? צו באגרעניצט איר זיך נאר מיט א חודש אפצאל אדער איר טוט עפיס נאך? צו וואוינען אלע קרעמעניצער אין

איין אומגעגנד אדער זיי זענען פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד. צייט די מלחמה האט זיך געענדיגט האב איך באגעגנט נאר צוויי קרעמעניצער וואס זענען געקומען קיין דזירזשאנאוו. דא בין איך די איינציגע קרעמעניצער. איך דאנק אייך ווידער פאר געדענקען מיך און איך בעט גרוסן אלע קרעמעניצער".

דאס זענען דערווייל די בריוו פון טאראסאווא, זיי רעדן פאר זיך און ווער עס לייענט זעט פאר זיך א מענש מיט א פיינער נשמה, באשיידן, וועלכער זעט אין רעטונגס-טאט א זעלבסט-פארשטענדליכע זאך. עס איז דארום נאטירליך, וואס דוקא זי האט זיך אונטערגענומען ראטעווען די גרופע יידן,טראץ דער גרויסער סכנה וואס איז איר פארגעשטאנען. אויב עס וואלט נאר מעגליך געווען וואלטן מיר באדארפט זארגן, דאס זי זאל אונז באזוכן אין ישראל און זיך באגעגנען מיט די קרעמעניצער. מיר וועלן פארזעצן אונזער פארבינדונג מיט איהר, זען העלפן איר און אויך זארגן דערפאר עס זאל איר געגעבן ווערן דורך "יד ושם" די אויסצייכנונג וואס ווערט געגעבן די חסידי אומות העולם.

כבוד און דאנקבארקייט דריקן אויס דער פרוי טאראסאווא אלע אונזערע לאנדסלייט.

י. רוכל

* * *

## א באזוך אין קרעמעניץ , זומער 1966

זאל קומען אל זייער בייז פאר דיר,
און טו צו זיי אזוי ווי דו האסט
צור מיר געטאן.

(איכה א׳, פסוק כ"ב)

טייערע פריינד.

בעת מיין באזוך אין ישראל האב איך איינטייל געגומען אין דער יערליכער אזכרה צו די קדושים פון קרעמעניץ. איך האב אייך דאן פארשפראכן צו באשרייבן די שטאט אונזערע, ווי זי זעהט אויס יעצט, אויב איך וועל זי באזוכן.

יעצט קום איך מיין פארשפרוך ערפילן. יולי 1966 האב איך די שטאט אונזערע באזוכט.

צוערשט ווארף איך א בליק אויף די בערג ארום. זיי ווייזן זיך מיר אויס פיעל נידריגער, ווי געווען. מעגליך דערפאר וואס פון דער "באנע", "צ׳ערצ׳א" און "קרעסטאווא" זענען אראפגענומען

געוואָרן די ציילעמער, אָדער אפשר האָט דאָ געווירקט דער מרחק פון צייט. אָבער דאָך איז דאָרט אויבן פאַרבליבן פיעל וואָס איז אַמאָל געווען. אָבער דאָס קען מען ליידער ניט זאָגן, ווען מען ווענדעט דעם בליק אַראָפּ, צו לינקס, רעכטס און אַקעגן. צו דעם איז גאָר שווער זיך צוגעוואוינען

מיר ווילן אָנפאַנגען פון דער שיראַקאַ גאַס, אַז דעם צענטער פון לעבן פון אונזער שטאָט. געגן מיר איז דער פלאַץ נעבן מאַנאַסטיר, דער פלאַץ וועלכן די אַלטע קרעמעניצער איינוואוינער געדענקען אונטערן נאָמען "שימעלע פּאַסטוכ׳ס פלאַץ". אַהער פלעגן אַלע יאָר קומען וואַנדערענדע צירקן, אָדער לונאַ-פּאַרקן און אויפשטעלן זייערע געצעלטן. דער פלאַץ איז פאַרבויעט מיט דריי-שטאָקיגע הייזער אין וועלכע עס וואוינען מיר גאָר אומבאַקאַנטע מענשן. די קליינע הייזקעלאַך פון די בעל-עגלה׳ס, וועלכע האָבן זיך דאָרט געצויגן ביזן פּאָסיק זענען פאַרשוואונדן פון דאָרט. ביז דער פּאָסט איז פאַרבליבן נאָר סאַלאַדונס הויז. די פּאָסט איז ווי געוועזן. אין הויף פון רב ראַפּאַפּאָרט זענען פאַרשידענע אַמטן. דאָס הויז פון טאַבאַק איז געבליבן שטעהן. פון דאַן ביז דעם געסעלע, וואָס האָט געפירט צו דער אַלטער באָד זענען ניט פאַראַן קיין וואוינונגס-הייזער. אַנשטאָט דעם שטעט דאָ איין גרויס דריי-שטאָקיג הויז אין וועלכן עס געפינט זיך אַ רעסטאָראַן און געוועלבער.

אויפן אַראָפּגאַנג צו דער אַלטער באָד, וואו עס האָבן דורות לאַנג זיך געפונען די הייזער פון די קצבים און אויף דער דערנעבנדיגער גאַס "נאָוואַליע" אויך דאָס הויז פון דעם פאָטער פון שרייבערן פון די שורות, הירש פּעסיס און ברודער צוזאַמען מיט אַנדערע, איז אַ פּוסטקייט. קיין הויז איז דאָרט ניט געבליבן.

ווייטער פון דאָרט, אויף דער שיראַקאַ, שטעט בן ציון גאַרינשטיינס הויז. אין קעלער פון דעם הויז פאַרקויפט מען קוואַס. אָבער דאָס האָט גאָר ווינציג צו טאָן מיט משה שיינקערס (מילשטיין) קוואַס. נאָך דעם הויז ציט זיך אַ רייה פון נייע הייזער ביז דעם געוועזענעם האָטעל פון משה מלמד. עס פיהרט זיך נאָך אויך יעצט דאָרט אַ האָטעל. פון אונטן איז אַ פאָטאָגראַפיע און אַ שוסטער קאָאָפּעראַטיוו. אויפן פלאַץ פון פראַכטענבערגס איינפאַר-הויז האָט מען אויסגעבויט אַ נייעם קינאָ. דער נייער מאַרק פינקציאָנירט ניט יעצט.

אין ווייטערדיגן לויף פון דער גאַס ביז דעם פלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען גינדעסעס דעם אַפּטייקערס הויז ציהען זיך קליינע געוועלבער.

אויפן פלאַץ פון גינדעסעס הויז און די הייזער אין געסעל פון די איזוואָזטשיקעס האָט מען פאַרזייעט גראָז, אינמיטן פון דעם שטעט אַ דענקמאָל לענינען און אַ לוח מיט די פאָטאָגראַפיעס פון אויסגעצייכנטע אַרבייטער.

מיר דערנעהנטערן זיך צום אָרט וואו עס פלעגט דורכשניידן די שיראַקאַ אַ געוואַלדיגער שטראָם פון די בערג, בשעת אַ שלאַקס רעגן. און איך דערמאָן זיך, ווי מיר פלעגן זיך ווילן בשעתן איבערגעהן דעם פּאַסעק באָרוויס (ווען ער איז שוין טרוקענער געווען, אַנדערש וואָלט ער מיטגעשלעפּט) אָדער מיט דער הילף פון אַ פאַיטאָן. די פאַיטאָנען און זייערע איינהאָבער זענען שוין ניטאָ. אָבער דער פּאַסעק רינט זיך בשעת רעגענס פּונקט ווי פריהער...

די אַפּטייק פון טקאַטש׳ינסקי , פיהרט זיך ווי פריהער. אין געוועלב פון בראַווער פאַרקויפט מען אויך יעצט מאַנופאַקטור. דער "סאָבאָר" זעהט אויס נעבעכדיג און איז פאַרלאָזט. מעגליך דערנאָך, וואָס מען האָט פון אים אויסגעטאָן די שטאָלצע ציילעמער און אויך דערפאַר וואָס די צאָל באַזוכער איז

גאר א קליינע. פון "סאבאר" ביז דעם געסעל וואס פירט צו דער "נייער באד" איז אויסגעבויט געווארן א לאנגער בנין מיט קלייטן פון פארשידענע מינים.

די נייע באד פונקציאנירט ביז יעצט און באדינט די איינוואוינער פון שטאט.

מיר געהן ווייטער מיט דער זייט פון שיראקא. פון אלע הייזער וועלכע זענען דארט געשטאנען זענען געבליבן בלויז די הייזער פון ד"ר לאנדעסבערג און שאפאוואל.

דער זאל "אינטימני" איז געשלאסן. דאס הויז פון ד"ר שיינבערג איז ניטא. די געביידע פון קינא "זוויעזדא" דינט פאר אמטן. דאס הויז פון מאשקע מארגוליסעס עלטערן עקזיסטירט נים. דאבעגן שטעט ווי פריהער דאס הויז פון גולדרינגן.

מיר געהן יעצט איבער אויף דער צווייטער זייט פון גאס. אין דעם הויז, ווי עס איז געווען די קראנקען-קאסע, איז יעצט א שולע פאר מוזיק. די הייזער פון די פרידמאנס, געלעראנטס, פוקס, שטערן און אנדערע זענען געבליבן אן ענדערונג. אין דעם האטעל "באנא" געפינט זיך יעצט א שניידער קאאפעראטיוו. קוטשערס הויז ווי אויך באראנ׳ס זיינען שטעהן געבליבן. דער קאסציאל איז פארנאכלעסיגט און פארלאזט, ער איז גענצליך געשלאסן. זיגעלבוים-טיפריסעס הויז דינט פאר פארשידענע אמטן. אויך דער האטעל "פאסאז׳" פון די קאנער׳ס עקזיסטירט און דינט אלס א האטעל.

אויף דער מיאדאווא גאס, וועלכע האט געפירט צום אלטן מארק, זענען נעלם געווארן אלע הייזער, חוץ די צוויי מויערן פון ווייסבערג און סוכידאלער. עס ציהן זיך אויף דעם ארט רחבתדיגע גראזן מיט ביימער.

פון דארט בין איך ווידער אראפ אויף דער שעראקא דורכן געסל, וואו עס שטעהן נאך עד היום די הייזער אין וועלכע עס האבן געוואוינט ווינער און טעפער, נעבן דער קלייט פון די ברודער לאנדעסבערג.

אויף דער צ׳אצקי גאס געפינען זיך נים מער די הייזער פון באקימער, נים דאס געשעפט פון קלורפיין און נים דאס הויז וואו די אקושארן גודוויץ האט געוואוינט. עס איז נאר געבליבן דער צייטונג קיאוסק פון בארבאס. מען פארקויפט דארט אויך אצינד צייטונגען אבער אן בארבאסן...
עס איז שטעהן געבליבן דאס הויז פון שניידער וואו מען באקט אויך יעצט פיראזשנעס.

אנהויבענדיג פון שניידער׳ס בעקערייי ביז דער "פאזשארנע" ציהט זיך א שטח פון גראזן און ביימער, וואס פארדעקט דאס ארט וואו עס איז געווען די גאסן לעווינזאן, קראוויעצקא, בארנאיא און די דערבייגע געסלאך.

געבליבן שטעהן אויף דעם גאנצן שטח זענען נאר דער קינא "רענעסאנס". דער "גראנד האטעל" דאס הויז פון פרישבערג, דאס הויז ווי ראצ׳ינער דער מאגיסטראט אין וועלכן עס איז יעצט א קינדער-גארטן. אין פארלויף פון א לענגערער צייט האב איך נים געקענט באזוכן דעם שטח, וואס איז אזוי שטהן מיט זיינע קווייטן און ביימער פארן אויג פון א פרעמדן, אבער איז אזוי שרעקליך אין די אויגן פון א קרעמעניצער, דערמאנענדיג איהם די גרויסע טראגעדיע וואס דא האט זיך אפגעשפיעלט.

אין דעם גרויסן פארק איז אויך געבליבן שטעהן משה זילבערגס הויז, יעצט איז דארט א ביבליאטעק. פון פאפארעס הויז ביז דעם הויז פון יוסף סעגאל (דירעקטארסקאיא) ציהט זיך א שורה פון הויכע ביימער, וואס שליסט מיט זיך דעם פארק, וואס איז פאר אונז א בית הקברות.

אויף דעם ארט ווי עס איז געשטאנען די גרויסע שול איז אויסגעבויט געווארן א קולטור הויז. דאס הארץ מיינס האט מיר ניט דערלויבט אהין אריינגיין. שטעהנדיג דערנעבן האב איך זיך דערמאנט אין די שבתים און ימים-טובים, ווען דער טאטע מיינער פלעגט מיך אהין מיטברענגען.

דער אידישער שפיטאל איז ניטא. אויף זיין פלאץ שטעהן נייע וואוין הייזער. אין איינעם פון זיי וואוינט יעצט אולה ויסבראט, די טאכטער פון דעם אייער סוחר.

נאך דער "פאזשארנע" ציהן זיך ווידער ביימער און נאך זיי דאס הויז פון קאזיאנע רב באראץ, דער הויף פון בעזנאסקא און דער מאנאסטיר.

אויף דער דירעקטארסקא גאס זענען געבליבן די הייזער פון ד"ר ליטוואק, דער הויף פון שומסקין, אין וועלכן עס איז יעצט א אינטערנאט פאר סטודענטן וואס לערנען אין ליציאום, און אויך די פאלקס שולע, ווי איך האב געלערנט.

איך בין אויך אפגעטרעטן צו זעהן דעם "דיקלאוואוי דוואר". איך האב געזוכט אים דעם געוועזענעם הויז פון פרידה און דבורה שניידער, דאס וואס איך וועל מער קיינמאל ניט געפונען. אלעס זעהט אויס אזוי פרעמד און משונהדיג. די שטובר דא זענען אלע אויף זייער פלאץ, אבער די מענשן זענען ווילד-פרעמדע.

איך בין נאכער ארויפגעגאנגען צום בית-עולם אונזערן. עד איז פארלאזט, קיינער קומט ניט אהין. די מצבות זענען געבויגן ביז דר ערד. אזוי ווי זיי אויך וואלטן געוואלט צוזאמן מיט די מתים, וואס אונטער זיי זיין באדעקט מיט דער ערד.

די ביידע ראגאטקעס און די געפעלאך ארום זיי וואס ציהן זיך צו די בערג זענען געבליבן אלע ווי פריהער.

איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף די טרעפלעך פון מיין חברהה רימה עפעלבוים'ס הויז. קיינע האט מיר די טיר ניט געעפנט, קיינער איז ניט ארויסגעקומען מיר באגעגנען...

אנטשולדיגט מיר ברודער, אויב מיין סטיל איז ניט אין ארדנונג און מיין האנדשריפט איז ניט קלאר, איר פארשטעהט מסתמא, ווי שווער אס איז מיר צו שרייבן אויף דער אזוי אנגעווייטיגטער טעמע.

מיינע הארציגסטע גרוסן צו אלע

קרעמעניצער ברודער באשר הם שם.

רבקה פעסים ווארשה, 16.8.66

## פאַרבינדונג מיט אונזערע לאַנדסלייט איך אויסלאַנד

אין אונזער ספּטיקייט,צו פאַראייביגן דעם זכר פון אונזער שטאָט, פאַרנעמט א גרויסן פלאַץ דער קאָנטאַקט מיט די קרעמעניצער אין אויסלאַנד.

מיט אונזערע ברידער אין ארגענטינא איז די פאַרבינדונג דורך מרדכי כ"ץ, מיט די ברידער אין אמעריקאַ, דורך יצחק וואַקמאַן אין ניו-יורק, נחום ווישנער אין שיקאַגאַ, און דורך מאַקס דעסער אין קאַנאַדע. אויך זענען מיר פאַרבונדן מיט געלעראַנט אין איטאַליע. אין די בריוו פון זיי אלעמען ווערן אויסגעדרוקט דער צער פון חורבן און די געטריישאַפט צו אונזער בשותפותדיגער אויפגאַבע.

## א ר ג ע נ ט י נ ע

אונזער לאַנדסמאַן מרדכי כ"ץ פון בוענאָס-איירעס האָט באַזוכט מאָנטעווידעאָ יאַנואַר-פעברואַר היי יאָר - צוזאַמען מיט זיין פרוי ציפּע. און איז זעהר וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דאָרט דורך די קרעמעניצער לאַנדסלייט: די באַלטערס, אליעזר קראַנץ, גאַרעליקאָוו. באַזונדערס באַטאָנט דער חבר כ"ץ - אין זיין בריוו צו אונז - די וואַרימע געפילן פון גאַרעליקאָוו צו קרעמעניץ און רופט אים "א אמתע קרעמעניצער נשמה". אלע קרעמעניצער אין אורוגוואַי האָבן געבעטן דעם חבר כ"ץ איבערגעבן א הערצליכן גרוס זייערע ברידער קרעמעניצער אין ישראל.

אין דער טעגליכער ציטונג "היינט", וואָס דערשיינט אין מאָנטעווידעאָ לייענען מיר א נאָטיץ, געווידמעט דעם באַזוך פון מרדכי כ"ץ וועגן זיין טעטיקייט אויפן געביט פון מוזיק און געזאַנג, אלס גענעראַל סעקרעטאַר פון חזנים פאַרבאַנד אין בוענאָס-איירעס. דער חבר כ"ץ איז א חזן און קאָמפּאָזיטאָר, און לעצטנס האָט ער אַרויסגעגעבן א לאַנג פּלעי פּלאַט מיט לידער פאַר כאָר און פּיאַנאָ. איינע פון די לידער איז געווידמעט קרעמעניץ. "די אידישע ציטונג" אין בוענאָס איירעס שרייבט אז כץ איז גוט באַקאַנט אין דער יידישער געזעלשאַפט מיט זיינע אויפטריטן אין די יידישע אינסטיטוציעס און די יידישע ראַדיאָ-שעהן.

דאָס ליעד איז אויך ערשינען אין "קרעמעניץ יזכור בוך" אין בוענאָס-איירעס אונטערן נאָמען "מאַמע שטאָט" (זייט 334). אזעלכע פּלאַטעס וועט מען אין גיכן קענען באַקומען אין אונזער פאַראיין אין ת"א.

צו ענדע מערץ וועלן קומען אויף א באַזוך קיין ישראל טיכטיגע מיטגלידער פון קרעמעניצער פאַראיין אין בוענאָס-איירעס: ישראל רויך מיט זיין פרוי רבקה, איהר שוועסטער אסתר מיט איר מאַן יצחק שפּאַק. ווען דערדאָזיגער העפט וועט ערשינען, וועלן זיי שוין זיין צווישן אונז און מיר זאָגן זיי א האַרציגן ברוך הבא!

אין א יידישע טעגליכער ציטונג אין בוענאָס-איירעס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן א וואָרימער נעקראָלאָג פון דעם קרעמעניצער לאַנדסלייט פאַראיין דאָרט צום טויט פון נטע שטערן ז"ל.

## באגעגנישן מיט קרעמעניצער פון אויסלאנד

ווען מיר זענען צוגעטראטן צו פארווירקליכן דעם געדאנק פון אויפשטעלן א דענקמאל דער שטאט אונזערער אין פארם פון דער לעווינזאן ביבליאטעק, האבן מיר באטאנט, אז דאס פלאץ אין תל-אביב וועט דיענען אלס באגעגעניש-פונקט פאר די קרעמעניצער. באזונדערס האבן מיר אנגעוויזן דערויף, אז די קרעמעניצער וועלכע וועלן קומען אויף א באזוך אין ישראל, וועלן דארט געפינען א אפקלאנג פון דער היים און אזוי ארום וועט דאס האטש אין א סייל פארבייטן די אויסגעבענקטע שטאט אונזערע. און פאקטיש, די אלע געסט וועלכע באזוכן אונז פון מאל צו מאל ווערן שטארק באאיינפלוסט דורכן פלאץ און באגעגניש און דרוקן דאס אויס אין זייערע רייד אויפן ארט, ווי אויך אין זייערע בריעוו. וואס קומען נאכהער אן אזוי איז געווען אויך מיט תמרה זיגעלבוים פון פאריז, מיט זינה פעלדמאן פון ווארשע, מיט פראניא פרישבערג פון פאריז, מיט פייגע רויטבלאט קאמינסקי און איר מאן פון ארגענטינע, העלענא גון-וויינשטיין מיט איהר מאן און מיט ד"ר לעא בערנסאן, אלא דריי פון ניו-יורק, מיט מוניע גינדעס פון מאסקווע, מיט קאמענשיין פון בוענאס-איירעס. אלע די אויבנדערמאנטע האבן אונז באזוכט היי יאר.

## נחום ווישנער, שיקאגא - א 80-ער

די קרעמעניצער לאנדסלייט אין ישראל באגריסן אונזער חשובן לאנדסמאן נחום ווישנער אין שיקאגא, צו זיין 80 יעריקן געבורטסטאג און וואונשן אים מיט זיין פרוי רחל נאך פיעל יארן מיט געזונט און נחת פון קינדער.

נחום ווישנער איז אונזערער א וועטעראן, וועלכער האט פארלאזט קרעמעניץ צוריק מיט 63 יאר. טיף אין הארצן טראגט ער א וועלט מיט זכרונות פון יענער צייט. מיט זיין איניציאטיוו און פארמיטלונג האט דער "קרעמעניצער און בערעזיצער לאנדסלייט אראיין" אין שיקאגא געשטיצט די לעווינזאן ביבליאטעק מיט א בעדייטענדער סומע.

מ. גאלדענבערג

## פ א ר ש י ד ע נ ע ס

### דער יערליכער חנוכה אוונד

אויך היי יאר, ווי אלעמאל, האבן מיר אין תל-אביב אין "דן" זאל איינגעארדענט א חנוכה אוונד. עס האבן זיך באטייליגט אין אים מער ווי הונדערט פופציג קרעמעניצער.פיעל פון די לאנדסלייט האבן מיט זיך געבראכט זייערע קינדער און אפילו אייניקלאך.

צווישן די אנוועזענדע האבן זיך אויך געפונען בעסט פון ניו-יורק: די פרוי העלענא גון (ווײַנשטיין) מיט איר מאן (איר וואַרעמע ליד געווידמעט קרעמעניץ חתמעט דעם "פנקס קרעמעניץ").

עס האט דארט געהערשט א ווארימע און היימישע אטמאספער און די חברים האבן זיך געפרייט אויף גאר אנ׳אמתן אופן.

דער פראגראם פון אונזער איז באריי כערט געווארן דורך דעם געלונגענעם אויפטריט פון יהודה (חוליר) קאופמאן (דעקלאמאציע און געזאנג).

ווי גרויס די צופרידנהייט פון די אנוועזנדע איפן אונזער חברים איז געווען, האט מען געקאנט זען פון זייער התלהבות ביזן סוף פון אונזער און אויך פון די אפקלאנגען וועגן איהם, וועלכע דערגרייכן צו אונז ביז יעצט.

מיר האפן אז חוץ די אלע חברים וועלכע האבן דעם חנוכה מיט אונז פארווײַלט וועלן איבעראיאר זיך משתתף זיין אויך די, וואס זענען דאסמאל אפוועזענד געווען.

## בילדער אויסשטעלונג פון לאנדסמאן משה קאגאן

דער מאלער משה קאגאן, חבר פון קבוץ שמיר, וועלכער האט פיעל מיטגעהאלפן צו דער קונסטלערישער זייט פון "פנקס קרמניץ", האט איינגעארדענט אין חיפה היי יאר א אויסשטעלונג פון זיינע 25 בילדער אין הייל פארב און 10 צייכנונגען.

קאגאן מאלט דער עיקר פייזאזש׳ן . ער פארנעמט א אנגעזעהענעם פלאץ צווישן די מאלער פון די קיבוצים ווי אויך אין מאלער פאראיין בכלל.

קרעמעניצער אין חיפה האבן די אויסשטעלונג באזוכט צוגלייך מיט די פיעלע אנדערע באזוכער.

מיר וואונשן אונזער לאנדסמאן קאגאן ערפאלג אין זיין ווייטערדיגער שאפונג.

<u>אלעזר (לאזער) בריק</u> , אונזער וועטעראן לאנדסמאן, האט די טעג אויסגעגעבן זיין דריטעס אייניקל, א מילימער פליהער. די חתונה איז איינגעארדענט געווארן אין קיבוץ שדות-ים, וואו דאס אייניקל און די עלטערן זיינע זענען מיטגלידער. צווישן די הונדערטער געסט זענען אויך דארט אנוועזענד געווען אייניגע קרעמעניצער. מיר וואונשן דעם חבר לאזער בריק אריכות ימים און פיעל נחת.

אוקל קוויטל . צווישן די ניי-אנגעקומענע עולים געפונט זיך אונזער לאנדסמאן אוקל קוויטל מיט זיין משפחה. אין די יארן פון נאך דעם קריג האט זיך קוויטל באשעפטיגט מיט איבערפיר יידישע פליטים, וועלכע זענען טראנספארטירט געווארן קיין ישראל.

מיר וואונשן אים ערפאלג אין זיין איינארדנונג זיך אין דער נייער היים.

## דער ספר זכרון פון קרעמעניצער קדושים

אין ריב"ל-ביבליאטעק, תל-אביב, געפונט זיך אין א ספעציעלן שראנק דער "ספר הזכרון פון די קרעמעניצער קדושים", מיט נעמען פון אומגעקומענע וועלכע זענען פערצייכנט געווארן דורך זייערע קרובים פון ישראל און פון אויסלאנד, אויף פארמעט, אין סת"ם-כתב, א דף פאר יעד משפחה. ביז יעצט זענען פערצייכנט געווארן 36 משפחות, און מיר גיבען דא די רשימה פון חברים וועלכע האבען שוין פערצייכנט זייער משפחה. די כוונה איז אז אלע קרעמעניצער זאלען פערצייכענען אין ספר הזכרון זייערע אומגעקומענע קרובים, אזוי ארום אז דער ספר זאל ענטהאלטן די נעמען פון אלע קרעמעניצער אומגעקומענע. צו קיין מצבה האבען זיי נישט זוכה געווען, טא זאלען זיי לפחות זיין פערצייכנט אין דעם "ספר הזכרון".

די לאנדסלייט וועלכע האבען עס נאך נישט געטון, ווערן אויפגעפאדערט צו טון עס דורך א שריפטליכער ווענדונג צום ועד פון יוצאי קרעמעניץ (תל-אביב, זכרון-יעקב 8) . דער אבצאהל איז 25 ל"י, צו דעקען די הוצאות (פארמעט, דער "סופר" און אנדערע) .

די אויבענדערמאנטע רשימה – זע זייט 16

# קרעמעניצער

## לאנדסלייט

# שטימע

## אין ישראל און אויסלאנד